## וואָס איז אַן "אינצידענט" און וואָס איז אַן "אינצידענט, וועלכן מוז מען באַריכטן?"

• אַן "אינצידענט" איז דעפֿינירט ווי אַ נויטפֿאַל אָדער שאָדן וואָס ווירקט אויף געם געזונט און אויף גער זיכערקייַט פֿון אַ יחיד, וואָס באַקומט באַדינגונגען.

• אַ "באַטייַטיקער אינצידענט" איז דעפֿינירט ווי אַן אינצידענט, וואָס האָט דעם פּאָטענציאַל צו זייַן גורם צו שאַטן פֿאַר דעם געזונט, זיכערקייַט אָדער וווילזייַן פֿון אַ יחיד, וואָס באקומט באַדינונגען.

• א "אינצידענט, וועלכן מוז מען באַריכטן" איז דעפֿינירט וויִ אַן אויפֿפֿירונג, וועלכע אַ מאַנדאַטירטער באַריכט-געבער איז מחוייבֿ צו באריכטן צום שטאַט ניו יאָרק גערעכטיקייַט-צענטער פֿאר דעם שוץ פֿון יחידים מיט ספּעציעלע באַדערפֿענישן (גערעכטיקייַט-צענטער). אַזאַ אויפֿפֿירונגען זענען כּולל באַעוולונג, אָפּגעלאָזנקייט און באַטייַטיקע אינצידענטן.

## ווער ווערט זייַן מודיע אויב אַן אינצידענט איז פֿאָרגעקומען?

• אַן אינסטיטוציע מוז לאָזן דעם באַרעכטיקטן יחיד וויסן דורכן טעלעפֿאָן וועגן ענויטפֿאַל אָדער שאָדן וואָס ווירקט אויף געם געזונט און אויף גער זיכערקייַט פֿון אַ יחיד, וואָס באַקומט באַדינגונגען אין 24 שעה ארום פֿון דעם ערשטן באַריכט פֿון דעם אינצידענט.

• אויב אַ באַרעכטיקטן יחיד פֿאַרלאנגט, מוז די אינסטיטוציע גלייַך צושטעלן א קאָפּיע פֿון דעם בכתבֿ אינצידענט-באַריכט.

• די אינסטיטוציע מוז אויך פֿאָרשלאָגן צו טרעפֿן מיטן באַרעכטיקטן יחיד כּדי צו ווייַטער דיסקוטירן דעם אינצידענט.

## ווער ווערט זייַן מודיע וועגן די שריטן, וועלכע מע נעמט כּדי צו באַהאַנדלען אַן אינצידענט?

דער דירעקטאָר פֿון דער אינסטיטוציע מוז דעם / די באַרעכטיקטן / באַרעכטיקטן יחיד(ים) אַ באַריכט בכתבֿ וועגן די באַלדיקע שריטן, וועלכע מע נעמט כּדי צו באַהאַנדלען אַן אינצידענט (למשל, שריטן גענומען צו באַשיצן דעם ארייַנגעמישטן יחיד) אין 10 טעג אַרום פֿון דעם ערשטן באַריכט פֿון דעם אינצידענט.

## צי זענען אַנדערע רעקאָרדן אָדער דאָקומענטן בנימצא?

יונתנ'ס געזעץ פֿאַרלאַנגט, אַז אינסטיטוציעס זאָלן צושטעלן רעקאָרדן און דאָקומענטן וועגן באַשולדיקונגען און אויספֿאָרשונגען וועגן באַעוולונג, אָפּגעלאָזנקייט און באַטייַטיקע אינצידענטן (אינצידענטן, וועלכע מוז מען באַריכטן) צו דעם / די באַרעכטיקטן / באַרעכטיקטן יחיד(ים), לויט בקשה בכתבֿ.

אין סוף פֿון אַן אויספֿאָרשונג פֿון באַעוולונג אָדער אָפּגעלאָזנקייט אינצידענט, באַריכטעוועט צום גערעכטיקייַט-צענטער, וועט דער גערעכטיקייַט-צענטער לאָזן דעם באַדינונג-באקומענער אָדער זייער פּערזענלעכן פֿאָרשטייער וויסן וועגן דעם פּסק פֿון דער אויספֿאָרשונג.

באַריכטן פון באַעוולונג און אָפּגעלאָזנקייט זענען באַגרינדעט אָדער ניט באַגרינדעט.

**לויט בקשה בכתבֿ צו דער אינסטיטוציע**, ק(ענ)ען דער / די באַרעכטיקטער / באַרעכטיקטע יחיד(ים) באַקומען רעקאָרדן און דאָקומענטן וועגן דער אויספֿאָרשונג פֿון אַ באַעוולונג- אָדער אָפּגעלאָזנקייט-אינצידענט באַריכטעוועט צום גערעכטיקייַט-צענטער אין 21 טעג פֿון דעם סוף פֿון דער אויספֿאָרשונג.

## צי קען אַבי וועלכע אינפֿאָרמאַציע זייַן צוריקגעהאַלט?

יאָ. די נעמען אָדער אינפֿאָרמאַציע, וואָס אידענטיפֿיצירט אַנדערע יחידים, וואָס באַקומען באַדינונגען און אָנגעשטעלטער וועט זייַן רעדאַקטירט סייַדן די יחידים דערלויבן אַנטפּלעקונג.

פֿעדעראלע געזעצן אָדער רעגלאַמענטן קענען שטעלן צוגאָבלעכע באַגרענעצונג אויף דעם אַרויסלאָז פֿון רעקאָרדן אָדער אינפֿאָרמאַציע אין יענע רעקאָרדן. צום בייַשפּיל, פֿעדעראלער געזעץ פֿאַרווערט, אַז OASAS אינסטיטוציעס זאָלן אַרויסלאָזן אַבי וועלכע רעקאָרדן אָדער אינפֿאָרמאַציע וואָס קען אידענטיפֿיצירן אַ יחיד ווי איינער, וואָס באַקומט באַדינונגען אָן די ספּעציפֿישער איַינשטימונג פֿון דעם יחיד, וואָס באַקומט באַדינונגען (אָדער אַ גערעכט-באַפֿעל, וואָס איז אין בהסכּם מיט פֿעדעראַלן געזעץ).

אויב אַ פּאַציענט איז אַן אומפֿוליאָריקע(ר) און באקומט באַדינונגען, אויף וועלכע אַ פּאָטער אָדער ממונה האָט אויך איַינגעשטימט, מוז **סייַ** דער / די אומפֿוליאָריקע(ר) **סייַ** דער / די פֿאָטער אָדער ממונה איַינשטימען אויף אַנטפּלעקונג.

## ווי אַזוי זאָל מען בעטן רעקאָרדן און דאָקומענטן?

בקשות פֿאַר רעקאָרדן פֿון אינצידענטן און אויספֿאָרשונג **מוז מע פֿאָרלייגן צו דער אינסטיטוציע**, וואָס האָט באַזאָרגט באַדינונגען צו דעם יחיד אין דער צייַט פון דעם אינצידענט.

דער גערעכטיקייַט-צענטער איז נישט באַפֿולמעכטיקט צוצושטעלן אַבי וועלכע רעקאָרדן לויט יונתנ'ס געזעץ. בשעת דער אויספֿאָרשונג פֿון אינצידענט, וועלכע מוז מען באַריכטן דורך דעם גערעכטיקייַט-צענטער, וועט דער גערעכטיקייַט-צענטער קאָאָרדינירן מיט דער אינסטיטוציע אַזוי אַז די אַנטפּלעקונג פֿון רעקאָרדן און דאָקומענטן וועט זייַן געפֿירט אין הסכּם מיט יונתנ'ס געזעץ.

## ווען וועלן רעקאָרדן זייַן צוטריטלעך?

ווען דער / די באַרעכטיקטער / באַרעכטיקטע יחיד(ים) לייגט פֿאָר אַ בקשה בכתּבֿ פֿאַר רעקארדן און דאָקומענטן, וועלכע זענען שייך צו אַן אינצידענט, וועלכן מוז מען באַריכטן, מוז די אינסטיטוציע ענטפֿערן אויף דער בקשה  אין 21 טעג נאָכן סוף פֿון אן אויספֿאָרשונג.

## צי קענען רעקאָרדן אָדער דאָקומענטן, וועלכע אַ באַרעכטיקטער יחיד האָט געקריגן, זייַן מיטגעטיילט?

אַ באַרעכטיקטער יחיד, וואַס האָט באקומען רעקאַרדן און דאקומענטן בנוגע אַן אינצידענט, וועלכן מוז מען באַריכטן קען זיי מיטטיילן בלויז מיט:

• געזונט-אָפּהיט באַזאָרגערס;
• אָפּפירונג-געזונט-אָפּהיט באַזאָרגערס;
• געזעץ-היטערייַ-אַגענטורן (אויב דער באַרעכטיקטער יחיד גלויבט אַז, אַ מסתּמא אַ פֿאַרברעך איז באַגאַנגען); און / אָדער
• דער אַדוואָקאט פֿונעם באַרעכטיקטער יחיד.



# יונתן'ס געזעץ אָנזאָג וועגן אינצידענט און צוטריט צו רעקאָרדן:

א וועגווייזער פֿאַר יחידים, ברידער און שוועסטער, עלטערן און לעגאַלע אפּוטרופּוס

NEW YORK
STATE OF OPPORTUNITY

## ווו קען איך געפֿינען מער אינפֿאָרמאַציע אָדער הילף?

- אינפֿאָרמאַציע וועגן יונתן'ס געזעץ קען מ געפֿינען אין דעם ניו אָרק גײַסטיקע היגיענע געזעץ, סעקציעס 33.23 און 33.25.
- צוגאָבלעכע פּאָדערונגען פֿאַר צוטריט צו פּאַציענט-רעקאָרדן און דער ווידער-אַנטפּלעקונג פֿון אַזאַ רעקאָרדן אין דעם סיסטעם פֿון OASAS קענען זײַן געפֿונען אין 42 קאָדעקס פֿון פעדעראלע רעגולאַמענטן טייל 2.
- צוגאָבלעכע פּאָדערונגען פֿאַר צוטריט צו רעקאָרדן און דאָקומענטן אין דעם סיסטעם פֿון OPWDD קען מע געפֿינען אין 15 ניו יאָרק קאָדעקס, כּללים און רעגולאַמענטן, סעקציעס 624.6 און 624.8.
- די אינפֿאָרמאַציע ליניע פֿון OPWDD איז **1-866-946-9733 / TTY: 1-866-933-4889** און דאָס וועבזײַטל איז www. opwdd.ny.gov
- די בראָשור "אויסגעפֿינען וועגן אינצידענטן" פֿון OPWDD איז כּולל אינפֿאָרמאַציע וועגן צוטריט צו רעקאָרדן. עס איז צוטריטלעך אויף דעם וועבזײַטל פֿון OPWDD opwdd.ny.gov.
- דער אָנאָפּצאַל נומער פֿון דעם גערעכטיקייט-צענטער'ס יחיד און משפּחה באַשיץ אָפּטיילונג איז **1-800-624-4143 (קול / מולטי-שפּראַך / TTY)** און דער בליצבריוו-אַדרעס איז supportcoordinator @ justicecenter.ny.gov

בחינמדיקע איבערזעצונג און שפּראַך-הילף באַדינונגען זענען צוטריטלעך אין מער ווי 200 שפּראַכן.

טויב און שמיעה-שוואַכע ביטע רופֿט 1-855-373-2122 (TTY)

**גערעכטיקייט-צענטער פֿאַר שוץ פֿון יחידים מיט ספּעציעלע באַדערפֿענישן**

**אָפּיס פֿאַר מענטשן מיט אַנטוויקל-מום**

**אָפּיס פֿון גײַסטיקער געזונט**

**אָפּיס פֿון אַלקאָהאָליזם און אַדיקציע-באַדינונגען און שטיץ**

די בראָשור וועט אײַך העלפֿן פֿאַרשטיין דעם פּראָצעס פֿון באַקומען אינפֿאָרמאַציע וועגן אינצידענטן, וועלכע מישן אַרײַן יחידים, וועלכע באַקומען באַדינונגען. דאָס איז אַ וועגווײַזער און נישט קיין לעגאַלן דאָקומענט. פֿאַר מער פּרטים וועגן יונתן'ס געזעץ, ביטע קוקט אַרײַן אין די אויסגערעכנטע רעסורסן אין דעם סוף פֿון דער בראָשור.

## וואָס איז יונתן'ס געזעץ?

יונתן'ס געזעץ האָט פֿאָרגעלייגט פּראָצעסן, וועלכע אינסטיטוציע מוזן נאָכפֿאָלגן, זיי זאָלן לאָזן צו וויסן עלטערן, ברידער און שוועסטער און לעגאַלע אַפּוטרופּוס פֿון קינדער און דערוואַקסענע, וועלכע באַקומען באַדינונגען וועגן אינצידענטן, וועלכע מישן אַרײַן זייערע באַליבטע. דאָס איך דערלויבט, אַז באַרעכטיקטע יחידים זאָלן האָבן צוטריט צו געוויסע דאָקומענטן, וועלכע האָבן צו אָן מיט אויספֿאָרשונגען פֿון אינצידענטן, וועלכע מוז מען באַריכטן.

## ווער איז אַ באַרעכטיקטער יחיד?

לויט דעם געזעץ, באַרעכטיקטע יחידים נעמען אַרײַן:

- עלטערן אָדער אנדערע לעגאַלע אַפּוטרופּוס פֿון אומפּלוליאַריקע פּאַציענטן
- עלטערן, לעגאַלע אַפּוטרופּוס, זיווגים, ברידער און שוועסטער אָדער דערוואַקסענע קינדער פֿון דערוואַקסענע פּאַציענטן, וועלכע זענען לעגאַל אויטאָריזירט צו נעמען געזונט-אָפּהיט באַשלוסן אין נאָמען פֿון דעם יחיד; אָדער
- דערוואַקסענע, וועלכע זענען נישט באַשטימט געוואָרן דורך אַ געריכט ווי לעגאַל אומפֿעאיק.

## וואָסערע אינסטיטוציע באַדעקט דאָס געזעץ?

אַלע אינסטיטוציע, וועלכע זענען אָנגעפֿירט, ליצענזירט, אָדער באַשטעטיקט דורך די פֿאָלגענדיקע שטאַט אַגענטור מוזן נאָכגיין די פֿאָדערונגען פֿון יונתן'ס געזעץ:

- אָפּיס פֿאַר מענטשן מיט אַנטוויקל-מום (OPWDD)
- אָפּיס פֿון גײַסטיקער געזונט (OMH)
- אָפּיס פֿון אַלקאָהאָליזם און אַדיקציע-באַדינונגען און שטיץ (OASAS)